ב"ה

על שלשה דברים העולם עומד:

# קול תורה אדיר טעגליך געהערט אין וואודבערין שול דורך לומדים קבועים אין "כולל מסירת נפש"

"כלל ישראל שול" ב"ה געעפענט באצייטענס נאך מאסיווע רענאוואציעס אויפן אונטערוועגץ פונעם מרא דאתרא ורוח החיים כ"ק אדמו"ר מניקלשבורג שליט"א - מניני תפלה גייען אן כמעט אומאויפהערליך מן הבוקר עד הערב ועד בכלל דורך טויזנטער מתפללים - מאסן אידן זיך מחי' נפשות מיט נאהאפטיגע מאכלים און איבערבייס צוגעשטעלט בהרחבה גדולה - עטליכע שמחות געפראוועט ברוב עם בין כותלי ביהמ"ד

וואודבורין. - דער בארימטער "כלל ישראל שול" אין וואודבורין ווירבעלט אין די טעג שוין מיט די שלשה עמודי עולם, תפלה, גמילות חסדים און בעיקר מיטן עמוד התורה, ווען די אריבער צוויי מנינים לומדים אינעם באקאנטן "כולל מסירת נפש" וואס גייט אן אין דעם ביהמ"ד, פולן איבער דעם גאנצן ארום מיט א קול תורה אדיר וואס הילכט אפ מדי יום ביומו אין די אינדערפרי שעות, צום שטארקן הנאה און קורת רוח פון די פילצאליגע באי בית ה' מתפללי ולומדי הביהמ"ד.

פנים חדשות באו לכאן

דער "כלל ישראל שול" אין וואודבורין איז - ווי שוין באריכטעט - פארגאנגענע וואך בעזהשי"ת פריש געעפענט געווארן אין די באשטימטע צייט, נאכדעם וואס דער בנין הביהמ"ד איז במשך די לעצטע חדשים דורך א מאסיווע רענאוואציע, וואס האט זיך דרינגענד אויסגעפעלט דורכצופירן כדי אז דער בנין זאל ווייטער קענען אקאמאדירן דעם ריזיגן ציבור מתפללים ולומדים וועלכע באלאגערן די שול במשך די זומער וואכן און אין אנדערע זמנים ווען חרדי'שע משפחות האלטן זיך אויף אויף די קעטסקיל בערג.

דער בנין פון די שול איז שוין געבויט געווארן מיט נאנט צו 100 יאר צוריק, דורך א גרופע מסירת נפש'דיגע אידן וועלכע האבן עס געבויט, וואס די אידן האבן מסתמא אין ווייטסטן חלום זיך נישט גערישט אז דער שול וועט אויסשטייגן אזא ווירבלענדיגער מקום תורה ותפלה מיט אזויפיל טויזנטער באי בית ה' ווי עס איז ב"ה אויסגעשטיגן אין די לעצטע יארן, אלעס אדאנק דעם אינטערוועגץ און מאסיווע פעולות פון כ"ק אדמו"ר מניקלשבורג הגה"צ פאמ"ק רבי מרדכי זאב הלוי יונגרייז שליט"א וואס יום ולילה לא ישבות פאר די הצלחה פון די שול סיי א גאנץ יאר, ובפרט אין די זומער-וואכן.

מיטן שטייגענדן פלייץ פון פרישע מתפללים ולומדים האט זיך ארויסגעשטעלט אז די שול קען ווייט נישט אקאמאדירן אזא ריזיגן ציבור, און ווידער האט דער ניקלשבורגער רבי שליט"א גענומען אויף זיך דעם פרישן עול, דורכצופירן די מאסיווע רענאוואציע וואס האט זיך אויסגעפעלט. טראץ דעם גרויסן עול וואס ליגט שוין אויף די פלייצעס פונעם רבי'ן שליט"א מיטן אנפירן דעם שול בעצם, און צו פינאנצירן די גרויסע הוצאות מיט וואס אנפירן אזא שיינעם מקום תורה ותפלה איז פארבינדן האט דער רבי שליט"א גענומען אויף זיך דעם פרישן עול פון רענאווירן דעם ביהמ"ד.

אין די לעצטע חדשים, אנגעהויבן כמעט גלייך נאכ'ן פארענדיגן דעם זומער-סעזאן פון פארגאנגענעם יאר תשע"ג לפ"ק האט זיך תיכף אנגעהויבן די ארבעט, צו רענאווירן דעם בנין הביהמ"ד, און בעיקר גענצליך איבערצובויען די גאנצע פאדלאגע פונעם ביהמ"ד, וועלכע האט זיך געפונען אין א גאר שוואכן צושטאנד, אן קיין מעגליכקייט ווייטער אויפצונעמען אזא גרויסן ציבור בליעה"ר.

דורכאויס דעם גאנצן ווינטער, ווען אויף די גאסן האט געבודזשעוועט דער שווערער ווינטער, און די וועגן זענען געווען באדעקט מיט מאסיווע שנייען, האט דער ניקלשבורגער רבי שליט"א צוזאמען מיט זיינע מיטהעלפער און חשוב'ע קינדער שליט"א געמאכט צענדליגער מאל דעם וועג ארויס קיין אפסטעיט, כדי צו באגלייטן פונדערנאנט די שווערע ארבעט, און זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אז די רענאוואציע ארבעט אינעם ביהמ"ד גייט אן מיטן פולן אימפעט און שוואונג, אזוי אז עס זאל זיין פארענדיגט בעתו ובזמנו צום אנהייב פונעם זומער סעזאן.

טראץ וואס די ארבעט איז די גאנצע צייט אנגעגאנגען כמעט אומאויפהערליך, האט אבער אין די וואכן שוין נאנט צום זומער עטליכע מאל אויסגעזען אז די ארבעט וועט נישט קענען פארענדיגט ווערן באצייטענס. דער ניקלשבורגער רבי שליט"א האט פיבערהאפטיג געארבעט מיט פארשידענע פלענער ווי אזוי אויסצושטעלן דעם גאנצן שטח ארום מיט טישן, בענק און אלעס נויטיג, כדי אז די מנינים זאלן קענען פארזעצן אומגעשטערט.

פתיחת שערי הביהמ"ד

חפץ ה׳ בידו הצליח איז די ארבעט פארגעזעצט ווערן מיט הצלחה, און איז פארענדיגט געווארן כמעט אין די זעלבע צייט ווען טויזנטער ניו יארקער איינוואוינער האבן זיך ארויסגעלאזט אין די וועגן מיטן גאנצן געזונדל און געפעק, אנצוהייבן דעם זומער סעזאן אויף די קעטסקיל בערג.

אין די ערשטע געציילטע טעג פונעם זומער-סעזאן האט מען נאך געדארפט דאווענען אויף די טישן און בענק וואס זענען אויסגעשטעלט געווארן פארענט פונעם ביהמ״ד, און דער סדר המנינים איז גאר געניט אנגעפירט געווארן דורכ׳ן ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א, וועלכער איז כדרכו געשטאנען על המשמר צו פארזיכערן אז די מאסן מתפללים טרעפן גלייך א מנין, און קענען דאווענען מיט הרחבת הדעת און מנוחת הנפש.

נאך געציילטע טעג איז די ארבעט ב״ה געענדיגט געווארן, און גלייך האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך אריינגעלייגט אין די ארבעט פריש אלעס מסדר צו זיין על צד היותר טוב. ווי זיין שטייגער אלעמאל האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך פערזענליך מטריח געווען בדבר מצוה לזכות את הרבים, און האט אליינס געשלעפט די טישן און בענק, אלעס געשטעלט אויפן פלאץ, און דערביי געגעבן געניע אנווייזונגען פאר די מיטארבעטער און אנדערע עסקנים וואו אלעס צו פלאצירן פארן הרחבת הדעת פון די חשוב׳ע מתפללים שיחיו.

ווי נאר די שערי ביהמ״ד זענען פריש געעפענט געווארן האט זיך פריש אנגעהויבן דער געווירבעל פון אידן וועלכע וואוינען איבערן זומער צושפרייט און צוזייט איבער פארשידענע געגענטער ארום דעם ביהמ״ד, כולם באו נקבצו מיטצוהאלטן די תפלות בין כותלי ביהמ״ד וועלכע האט שוין איינגעזאפט אין זיך אזויפיל טויזנטער אידישע תפלות און אזויפיל מסירת נפש אנגעהויבן זינט איר התייסדות ביז צום היינטיגן טאג.

כדרכו בכל עת איז דער ניקלשבורגער רבי שליט״א ווייטער געשטאנען על המשמר, און האט אויפגענומען די מאסן מתפללים בסבר פנים יפות, און יעדן צוגעגעבן אלעס וואס נאר נויטיגט זיך. אידן וואס קומען אריין סיי וועלכע צייט אינעם מעת לעת בין כותלי ביהמ״ד קענען זיך נישט געגנוג אפוואונדערן צוצוזען ווי סיי ווען אימער איבערן טאג, איז דער רבי שליט״א עומד על משמרתו בקודש כמעט בלי הרף, און איז איז כסדר טעטיג מיט פיבערהאפטע פעולות זיכער צו מאכן אז יעדער פון די מתפללים איז באקועם און צופרידן, צוגעשטעלט מיט אלע זיינע באדערפענישן כקטן כגדול.

איינעם צייגט דער רבי שליט״א וואו מ׳שטעלט זיך אצינד שחרית, ווען א צווייטער ערשיינט שוין צו מנחה און דער רבי שליט״א פארבעט אים אויף א רייכע טעימה וואס איז אלץ דארט צוגעשטעלט ביד רחבה, פאר א דריטן דערלאנגט דער רבי שליט״א א סידור, און מיט א פערטן פארפירט דער רבי שליט״א א רייכן שמועס בדברי חיזוק והדרכה וואס איז כמים קרים על נפש עייפה, און אזוי מיט יעדן טרעפט דער רבי שליט״א א געמיינזאמע שפראך מיט וואס יענעם מחי׳ צו זיין.

שומר שבת שול פון די קעטסקילס

עס איז אלץ א מחזה הוד אריינצוקומען בין כותלי ביהמ״ד אנצוטרעפן אזא קאלירפולער ציבור, א ציבור געמישט פון אלע שיכטן און קרייזן, והצד השוה שבהן זענען אלע דאס זעלבע זייענדיג בני אברהם יצחק ויעקב. ביי יעדן מנין קען מען טרעפן ווי עס דאווענען צוזאמען אידן פון אלע סארט שיכטן און קרייזן, אלע סארט היטן און מלבושים, אידן אנגעטון מיט הויכע קאפעלוטשן, נעבן אידן מיט שטאפענע, געבויגענע אויף ארויף צי אויף אראפ, זייט-ביי-זייט מיט אידן אנגעטון מיט פלאטישגע ביבער-הוטן, אנגעטון מיט געוועגליכע אנצוגען, בעקיטשעס, פראק-רעקלעך, כאלאטן, קורצע, לאנגע א. א. וו. אלע סארט אידן וכל ישראל יוצאים בסוכה אחת!

באזונדערס טרעפט מען כסדר אינעם ביהמ״ד חשוב׳ע רבנים גאונים וצדיקים אנשי שם מנהיגי עדות בישראל שליט״א וועלכע קומען אהין צו די תפלות וכדומה. אין די לעצטע עטליכע וואכן זינט דער ביהמ״ד איז פריש געעפענט געווארן אויפן זומער-סעזאן, האבן שוין דארט געדאווענט די חשוב׳ע רבנים הגאונים, צווישן זיי: הגה״צ האדמו״ר מרודניק שליט״א, הגה״צ אבדק״ק פוזנא שליט״א, הגה״צ דומ״ץ סאטמאר שליט״א, הגה״צ האדמו״ר מזלאטשוב שליט״א, הגה״צ האדמו״ר מגלאגוב שליט״א און נאך בארימטע רביים און ראשי ישיבות שליט״א וועלכע זענען אלע אויפגענומען געווארן בסבר פנים יפות דורכ׳ן ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א.

דער ביהמ״ד איז ספעציעל א תל תלפיות פאר אידן חיובים וועלכע דארפן דאווענען פאר׳ן עמוד לע״נ עלטערן וכדומה, און ווייסן אז אינעם כלל ישראל טרעפט מען אלץ א מנין, ביי וועלכן דער ניקלשבורגער רבי שליט״א באפאסט זיך מסדר צו זיין יעדן חיוב מיט א מנין פאר זיך.

אזוי ווירבעלט דער ביהמ״ד כסדר מיט אן אומאויפהערליך פלייץ פון מתפללים פון אלע שיכטן און קרייזן וועלכע דאווענען דארט כאיש אחד בלב אחד, און נישט אומזיסט האט דער ביהמ״ד זיך קונה געווען דעם כתר שם טוב אלס דער ״שומר שבת שול״ פון די קעטסקילס, צי ווי די ״איצקאוויטש שטיבלאך״ אין בני ברק וכדומה זייענדיג א מעין קיבוץ גליות פאר אידן פון אלע סארט קהלות און שיכטן מיט וואס כלל ישראל איז געבענטשט.

דער זעלטענער אחדות וואס הערשט אין דעם ביהמ״ד שפיגעלט גוט אפ דעם עבודת הקודש פונעם מרא דאתרא הגה״צ מניקלשבורג שליט״א וועלכער איז נודע בשערים מיט זיינע פעולות נשגבות להחיות לב נדכאים ולקרב לבבות בני ישראל

לאביהם שבשמים. מיט זיין ליכטיגן שמייכל, לשון לימודים און צוגעלאזענעם כאראקטער, צייגט דער רבי שליט״א יעדן ארויס דעם זעלבן אויפמערקזאם און שמייכל, און יעדער וואס טרעט נאר דורך דעם שוועל פונעם ביהמ״ד, צי אפילו די וואס פארן נאר דורך מיט די אויטא נאנט צום ביהמ״ד, ווערט גלייך ענטפאנגן דורכ׳ן ניקלשובורגער רבי׳ן שליט״א מיט א ספעציעל געפיל וואס ציט אזא גרויסן ציבור צו קומען מיטהאלטן די תפלות און לימודים אין דעם ביהמ״ד.

עמוד גמילות חסדים

מיט זיין לב טוב, און כסדר׳דיגן געפיל מזכה צו זיין את הרבים איז דער ניקלשבורגער רבי שליט״א ספעציעל טעטיג צוצושטעלן רייכע טעימה און איבערבייס פאר די טויזנטער מתפללים אינעם ביהמ״ד. אידן וואס קומען אריין אין ביהמ״ד ווייסן גלייך אז דא אין ביהמ״ד וועט מען טרעפן רוחניות און גשמיות צוגלייך, ובחמרא טבא דבי תחדי נפשא, ווערט פאר יעדן צוגעשטעלט מכל טוב וטוב, מזונות און אנדערע מדי דמיזן, מיט וואס אידן זענען זיך מחי׳ בלי הרף.

א גאנצע וואך איז צוגעשטעלט פאר׳ן ציבור פון אלעם גוטן, אבער ספעציעל ווערט יעדן ליל שישי צוגעשטעלט גרויסע טעפ מיט טשאלענט, וואס דער ניקלשבורגער רבי שליט״א גרייט צו פאר די טויזנטער רייזענדע וועלכע זענען א גאנצע וואך ביי די ארבעט אין שטאט, און קומען ארויס אויף די טעג פון סוף און אנהייב וואך. קומענדיג צו פארן פון אזא לאנגן וועג, האבן די רייזענדע און זומער-איינוואוינער די געלעגענהייט זיך צו דערכאפן דאס הארץ מיט א ווארימען טעלער טשאלענט, איידער מ׳גייט אהיים, אזוי ארום צו קענען אנקומען אין שטוב מיט מנוחת הנפש און אויסגערוט.

ערשט פארגאנגענעם וואך, דער ערשטער ליל שישי אין קאנטרי, האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א צוגעשטעלט אזויפיל ווי 8 גרויסע טעפ מיט טשאלענט, אבער ווידעראמאל האט מען זיך פאררעכענט, נאכדעם וואס אום 2:00 אויפדערנאכט, ווען אידן זענען נאך אין גרויסן געקומען דאווענען מעריב, איז שוין אויסגעגאנגען די לעצטע עטליכע בונדלעך וואס זענען נאך געליגן אינעם לעצטן טאפ טשאלענט. אזוי איז גארנישט פארבליבן, און די טויזנטער מתפללים האבן זיך ממש מחי׳ געווען מיט די נארהאפטיגע מאכלים. ״מ׳לערנט זיך אויף די מיסטעקס״ זאגט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א, און בעזהשי״ת אויף די קומענדיגע וואכן וועט מען אי״ה צושטעלן עטליכע טעפ טשאלענט מער, כדי אז עס זאל זיין גענוג בהרחבה פאר׳ן גאנצן ציבור.

און נישט בלויז אינדערוואכן איז דער ביהמ״ד א מקום הכנסת אורחים פאר אידן וואס זענען זיך מחי׳ מיט די נארהאפטיגע מאכלים, נאר אויך אין די ימי שבת קודש זענען אידן זיך מחי׳ מנדבות לבו הטוב פונעם ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א. ערשט פארגאנגענע וואך ערב שבת נאכמיט אג איז דער ניקלשבורגער רבי שליט״א ערשטוינט געווארן צו ערהאלטן פון א איד עטליכע פלעשער ברוינפען פון א איד וועלכער האט זיך געגרייט צו די בר מצוה פון א קינד. אויפן ארט האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך אריינגעלייגט און האט צוגעשטעלט א ברייטן קידושא רבה, צוגעשטעלט מכל טוב וטוב, מזונות, משקאות, קאלטס און ווארעמס, און אזוי האט דער ציבור זיך מיטגעפריידט בשמחתו פונעם בעל שמחה. דער בעל שמחה צוזאמען מיט די משתתפים האבן נישט געקענט גענוג אפוואונדערן דעם נדיבת הלב פונעם רבי׳ן שליט״א.

דאס זעלבע האט זיך געמאכט לעצטענס, ווען א מספר פון 130 קינדער זענען אנגעקומען אין קעמפ אריין אויפן קומענדיגן זומער, אבער אנקומענדיג אין קעמפ אריין זענען די קינדער און קעמפ-הויפטן אנטוישט געווארן צו הערן אז די שטאטישע אינספעקטארס לאזן דערווייל נישט עפענען דעם קעמפ. נו, וואס טוט מען? וואו אהין גייט מען אצינד? עס איז געווען אין די אנהייב נאכט-שטונדן, ווען די קעמפ-אנפירער האבן גלייך פארשטאנען אז דער וועג דארף זיי אצינד פירן צום ״כלל ישראל שול״ אין וואודבוירן, וואו מ׳וועט זיכער שוין טרעפן א ציבור אידן אין שפיץ פונעם ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א וועלכע וועלן נישט רוען ביז די קינדער וועלן זיין מסודר.

וכך הוה, אנקומענדיג צום כלל ישראל האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א זיך גלייך אריינגעלייגט אין די ארבעט, מ׳האט אנגעהויבן צו זוכן אנדערע פלעצער וואו צו פלאצירן די קינדער אויף דערווייל. דער ניקלשבורגער רבי האט אויף איינס פון די מקומות וואו מ׳האט געטראפן צענדליגער בעטן צוזאמען, צוגעשיקט עטליכע מיטארבעטער, אידישע און להבדיל גוי׳שע ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט אלעס מסדר צו זיין על צד היותר טוב.

אזוי גייען אן די שני עמודי עולם פון תפלה און גמילות חסדים אן כמעט רונדע דעם זייגער, אנגעהויבן פון אינדערפרי שטונדן ווען אידן קומען דאווענען שחרית, ווען די מנינים גייען אן ביז כחצות היום, א האלבע שעה נאך חצות הייבן זיך שוין אן די מניני מנחה וואס פארציט זיך ביז׳ן אוונט, און שפעטער הייבן זיך אן די מנינים מעריב וואס פארציט זיך ביז שפעט נאך חצות הלילה.

און ערשט דעמאלט, ווען די לעצטע מתפללים ווערן ארויסבאגלייט דורכ׳ן רבי׳ן שליט״א פונעם ביהמ״ד, הייבט זיך ערשט אן דער עבודת הקודש פונעם ניקלשבורגער רבי׳ן שליט״א וועלכער ארבעט ווייטער אלעס מסדר צו זיין, צו רוימען, צו פארענדיגן די רענאוואציעס וכדומה, ומן ההר אל העם מאכט דער רבי שליט״א זיכער אז אלעס איז מסודר, און ערשט אין די פריע פארטאגס שטונדן פארלאזט דער רבי שליט״א דעם ביהמ״ד, ווען בלויז געציילטע שעה שפעטער איז דער רבי שליט״א שוין צוריק אויף די פיס, צו ענטפאנגן די לומדי הכולל, און די משכימי קום וועלכע קומען שוין צו די תפלות.

עמוד התורה

אבער אויך דער עמוד התורה איז גארנישט אונטערשטעלונג אינעם כלל ישראל שול. שוין פארגאנגענעם יאר איז נתייסד געווארן אינעם ביהמ״ד דער היינט-בארימטער כולל וועלכע האט באקומען דעם פאסיגן נאמען ״כולל מסירת נפש״ וכשמו כן הוא, זענען אין דעם כולל געקומען מיט מסירת נפש א שיינער מספר חשוב׳ע אינגעלייט פון אלע עקן קעטסקילס, כדי עוסק צו זיין בתורה אין די אינדערפרי שטונדן פאר׳ן דאווענען.

היי-יאר איז דער כולל פריש געעפענט געווארן, און דער פארלאנג אנגענומען צו ווערן אלס חברי הכולל איז זייער גרויס. אין די ערשטע מאמענטן האט דער ניקלשבורגער רבי שליט״א אויפגענומען א מספר פון דרייצן לומדים כמספר אח״ד. אבער תיכף איז דער מספר געשטיגן ווען צוליב דעם שטארקן פארלאנג פון לומדים, האט דער רבי שליט״א אויפגענומען נאך און נאך לומדים, און ביים שרייבן די שורות האלט שוין דער מספר ביי 22 לומדים, כמספר כ״ב אותיות שבתורה, פאר וועמען דער ניקלשבורגער רבי שליט״א געט א וועכענטליכן געהאלט.

די חשוב׳ע אינגעלייט זיצן טעגליך און לערנען מיט גרויס התמדה, אונטער די הדרכה פונעם ראש הכולל הרב הגאון רבי דניאל גראס שליט״א מחשובי המורי הוראות אין בארא פארק, וועלכער האלט אן עינא פקיחא אויף די סדרי הלימוד, און עס איז באמת א מחזה הוד אריינצוקומען בין כותלי ביהמ״ד בעת די סדרי הלימוד, ובפרט צוזעענדיג ווי די אינגעלייט קומען צו פארן פון אלע מקומות איבער די קעטסקילס, אלעס נאר כדי אנצופולן דעם אויר מיט א קול תורה.

דער ניקלשבורגער רבי שליט״א איז טעגליך מקבל פנים די חשוב׳ע לומדים שליט״א, און איז כסדר מחזק זייער לימוד התורה. מדי שבוע בשבוע שענקט דער רבי פאר די אינגעלייט א שיינעם געהאלט פון 100$ א וואך, א סכום וואס מ׳הערט זעלטן אז א חבר אין אן ״אינדערפרי כולל״ זאל אזויפיל באקומען. דער רבי שליט״א זוכט שטארק ארויסצוהייבן זיין הערצה פאר די לומדים, און געט יעדע וואך צו א סימבאלישע הוספה פון איין דאלאר מער ווי די פריערדיגע וואך. פארגאנגענע וואך האבן די אינגעלייט באקומען 101$ היינטיגע וואך וועט מען פארטיילן 102$ א. א. וו. אודאי וואלט מען געוואלט געבן סאך מער - זאגט דער רבי שליט״א - אבער מה שהרצון חושק אפס היכולת עושק, און דער רבי שליט״א איז מוסיף כאטש דעם איינעם דאלאר, כדי ארויסצוצייגן דעם הכרת הטוב און גוטער ווילן פאר די חשוב׳ע אינגעלייט.

דאס איז אויסער די אנדערע שיעורים וואס גייען אן בין כותלי ביהמ״ד. דער ראה״כ הרה״ג רבי דניאל גראס שליט״א לערנט טעגליך פאר א שיעור בהלכה פון 8:30 ביז 9:30 אינדערפרי. דאס זעלבע ווערן פארגעלערנט שיעורים ברבים דורך הרה״ג רבי משה מאיר ווייס שליט״א וועלכער איז טעגליך נאכ׳ן דאווענען משמיע מאמרותיו, ובפרט יעדן דאנערשטאג נאכט, ליל שישי פון 9:00 ביז 10:00 ווען ער לערנט פאר א שיעור בפרשת השבוע פון וואס דער ציבור איז שטארק נהנה.

אזוי ווירבעלט דער כלל ישראל שול מיט א געוואלדיגן שוואנג בכל עמודי עולם, און ווי אידן וואס האלטן מיט די תפלות און שיעורים געבן איבער, איז כמעט נישט שייך צו האבן א גענויעם חשבון פון וויפיל טויזנטער אידן עס האבן זיך שוין דורכגעדרייט דעם ביהמ״ד אין די לעצטע עטליכע טעג, נאכדעם וואס דער געווירבל איז פיל גרעסער ווי מ׳קען בכלל נאכקומען.